די דאָזיקע עצה אָדער די דאָזיקע זאַך איז פון
39 מענטשן, וועט זי צעשטערט ווערן; נאָר אויב זי
איז פון ג־ט, וועט איר זיי נישט קענען שטערן;
טאָמער וועט איר געפונען ווערן קעמפנדיק אויך
40 קעגן ג־ט. און זיי האָבן אים געהאָרכט; און רופנדיק
די שליחים און שלאָגנדיק זיי מלקות, האָבן זיי
באַפוילן, אַז זיי זאָלן נישט רעדן אין ישועס נאָמען,
41 און האָבן זיי אָפּגעלאָזט. און זיי זענען אַוועק־
געגאַנגען פון פאַר דעם סנהדרין, פרייענדיק זיך וואָס
זיי האָבן זוכה געווען מבֿזה צו ווערן צוליבֿ דעם
42 נאָמען. און יעדן טאָג, סײַ אין בית המקדש סײַ
פון הויז צו הויז, האָבן זיי נישט אויפֿגעהערט צו
לערנען און אָנצוזאָגן די בשורה פון דעם משיח ישוע.

## קאַפּיטל זעקס

1 און אין די דאָזיקע טעג, ווען די תּלמידים האָבן
זיך געמערט, איז געוואָרן אַ געמורמל פון די
העלעניסטן קעגן די עבֿרים, מחמת אין דער טאָג
טעגלעכער באַדינונג זענען זייערע אלמנות פאַרנאַכ־
2 לעסיקט געוואָרן. און די צוועלף האָבן גערופן
דעם עולם תּלמידים, צו זיך און געזאָגט: עס טויג
נישט, אַז מיר זאָלן איבערלאָזן ג־טס וואָרט און
3 זיך פאַרנעמען מיט דינען בײַ טישן. נאָר זוכט זיך
אויס, ברידער, צווישן אײַך זיבן מענער, וואָס האָבן
אַ גוטן נאָמען און זענען פול מיט דעם רוח הקודש
און מיט חכמה, זיי וועלן מיר באַשטימען איבער
4 דעם דאָזיקן ענין; מיר אָבער וועלן אָנהאַלטן אין
5 תּפילה און אין דער עבֿודה פון דעם וואָרט. און
דאָס וואָרט איז געפעלן דעם גאַנצן עולם; און מען
האָט אויסדערוויילט סטעפאַנוסן, אַ מאַן פול מיט